יודען, געדענקט, אז דער קאמף געגן די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד דויערט!

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT
פרייז 30 גראשן
היינט 20 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 191 | Łódź, Piątek, 16 sierpnia 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י"ז מנחם אב תרצ"ה | № 191
Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# היינט — קאנפערענץ פון די דריי מלוכות
## וועגען דעם איטאליעניש-אביסינישען קאנפליקט

פאריז, 15 (ספ. טעל.)
די פארגעשפרעכען צווישען פרעמיער לאוואל מיט'ן איטאליענישען דעלעגאט אלאיזי האט גע־דויערט איבער א שעה. נאך דער קאנפערענץ האט פרעמיער לאוואל ערקלערט די פרעסע פארשטעהער: איך האב אפגעהאלטען א פארגעשפרעך מיט'ן אי־טאליענישען דעלעגאט. מארגען אינדערפריה וועט פארקומען א געמיינזאמע קאנפערענץ פון די פאר־שטעהער פון דריי מלוכות, וואס האבען אונטער־געשריבען דעם אפמאך פון 1906.

פאריז 15 (ספ. טעל.)
דער היינטיגער טאג האט זיך אויסגעצייכענט מיט א לעבהאפטער דיפלאמאטישער טעטיגקייט. נאך דער קאנפערענץ מיט'ן באראן אלאיזי און מיניס־טער אידען, האט פרעמיער לאוואל אויפגענומען דעם אביסינישען פארשטעהער אין פאריז, ווי אויך דעם גריכישען מיניסטער פאליט.

פרעמיער לאוואל האט אייגענטליך שוין אפגע־האלטען פארבארייטונגס - געשפרעכען סיי מיט דעם ענגלישען פארשטעהער מיניסטער אידען, ווי אויך מיט דעם איטאליענישען דעלעגאט אלאיזי, וואס איז היינט אנגעקומען קיין פאריז.

באראן אלאיזי האט פארגעשטעלט די איטאליע־נישע טעזע, וואס שטיצט זיך אויף דער הנחה, אז צו ליב דעם, וואס די איטאליענישע בעפעלקערונג פער־גרעסערט זיך בסדר מוז איטאליען האבען א עקס־פאנסיע געביט.

בעת'ן געשפרעך מיט'ן מיניסטער אידען האט זיך פרעמיער לאוואל בעקענט מיט דער טעזע פון דער ענגלישער רעגירונג.

פאריז, 15 (ספ. טעל.)
ערב דער קאנפערענץ צווישען ענגלאנד, פראנק־רייך און איטאליען ווייזען די צייטונגען אן אויף די פרינציפיעלע חלוקי־דעות, וואס ס'הערשען צווי־שען דער ענגלישער און איטאליענישער טעזע און ווייזט אויך אן אויף דער שווערער שטעלונג פון מיניסטער לאוואל, אויף וועלכען עס פאלט די ראלע פון פערמיטלער.

,,עקא דע פארי'' שרייבט: די אטמאספערע איז זעהר א שווערע. דאס בסדר'דיגע שיקען מיליטער קיין אפריקא, דער אביסינישער פראטעסט געגען דעם פערבאט צו האנדלען מיט געוועהר, די וואקסענדע אנגעשטרענגטע בעציהונגען צווישען איטאליען און ענגלאנד, דאס אלץ שאפט ווייניג מעגליכקייטען צו געפינען א פערשטעדיגונג.

,,לע זשור'' רוקט ארויס דעם פראיעקט צו שאַ־פען א פראטעקטאראט איבער אביסיניען, דערביי זאל די הויפט - ראָל שפילען איטאליען און ענגלאנד און פראנקרייך, וואס האבען געוויסע אינטערעסען אין אביסיניען זאל צוגעלאזט ווערען צו דער צוזאמענארבייט איבער שוץ פון דעם לאנד.

# דער דייטשער „אפיציעלער כזב-ושקר"
## וועגען יודען אויף דער אלימפיאדע אין בערלין

בערלין (יט"א) דער רייכס־פערבאנד פון דייטשע ספארט־ארגאניזאציעס האט פערארדענט, אז אין משך פון חודש סעפטעמבער ה. י. זאל אין אלע דייטשע ספארט־קלובען פארקומען אנ'אלגעמיינע דיסקוסיע איבער דער יודען־פראגע. די דאזיגע פערארדנונג איז פונקט ווי א רייהע אנדערע — א דירעקטער ברוך פון דער הבטחה פון די דייטשע ספארט־ארגאנע פאר דעם אינטערנאציאנאלען אלימפישען קאמיטעט, אז אין געביט פון ספארט וועט נישט געפיהרט ווערען קיין שום אנטי־יודישע אקציע.

פאריז (יט"א) „פארי סואר" פערעפענטליכט אנ'עו קלערונג פון גענעראל־סעקרעטאר פון דייטשע אלימפישען קאמיטעט, ד"ר דיעם, וועלכער זאגט, אז יודען אין דייטשלאנד קענען זיך בעטיי־ליגען אין די אלימפישע שפילען, אויב זיי בעזיצען נאר די ענטשפרעכענדע ספארט־קוואליפיקאציעס.

אזוי למשל, זאגט ד"ר דיעם, קען די פעכט־מייסטערין העלענע מייער אנטיילנעמען אין דער דייטשער אלימפישער פעכט־מאנשאפט.

דאס „פאריזער טאגעבלאט" בעצייכענט די דא־זיגע ערקלערונג אלס „אפיציעלען כזב ושקר" און ברענגט א ליסטע פון יודישע ספארט־טשעמפיאנען, וואס זענען בעשטעטיגט געווארען פון דייטשען ספארט און פערברענגען איצט אין גלות אין אויס־לאנד. צווישען די דאזיגע טשעמפיאנען געפינען זיך: עריק זעעליג (מיטעל־וואג־באקסער, איצט אין פאריז), האַרי שטיין (פליגען- און פעדער־געוויכט, איצט אין פאריז) העלענע מייער (דייטשלאנד'ס טשעמפיאן אויף דער אמסטערדאמער א־לימפיאדע, איצט טשעמפיאן פון אמעריקע אין פרויען־פעכט־קונסט), איהר ברודער גאטאן מייער (איינער פון די וועלט־טשעמפיאנען אין דער פעכט־קונסט, איצט אין לאנדאן), דניאל פרען (דייטש לאנד'ס טעניס־מייסטער איצט אין לאנדאן), פרוי פיידלעבען (צווייטע פרויען־טעניס - מייסטערין, שפילט איצט אין אויסלאנד), מארטא יאקאב (דייטשע מייסטערין אין דיסק־וואורף) און לויכט פון נירענ־בערג מייסטער פון לייכט-געוויכטס-אטלעטיק אין דער אמסטערדאמער אלימפיאדע).

„פאריזער טאגעבלאט" דערמאהנט, אז די דיי־טשע פרויען־טעניס־מייסטערין, פרוי געבאה איז אין 1933 בעגאנגען זאלבסטמארד.

## רעוואנש-מעטש „הכח" (ווין) — „פאגאן" 2:2

לעמבערג, 15 (יט"א טעלעפאניש)
היינט איז דא פארגעקומען א רעוואנש-מעטש צווישען ווינער „הכח" און „פאגאן".
דער רעזולטאט איז געוועז 2:2.

בילינסטער אויספלוג קיין ווין
צום קאנגרעס פון דער
נייער ציוניסטישער ארגאניזאציע (נ.צ.א.)
אפפאהר מיט דער לאדזער פאבריקס-באהן דעם 5טען סעפטעמבער 18^03^
דאס אנקומען קיין ווין דעם 6 סעפטעמבער 6^30^ פריה
אפפאהר פון ווין דעם 12-טען סעפטעמבער
פרייז — .130 זל.
פון לאדז קיין ווין און צוריק מיט פאס און וויזע.
עס זענען נויטיג פאלגענדע דאקומענטען: 1) א פאס, 2) 2 פאטאגראפיעס, 3) מיליטער-ביכעל.
די איינוואוינער פון פאביאניץ, זגערזש, אלעקסאנדער, טאמאשאוו און פיעטריקאוו, מוזען האבען פון דער סטאראסטווע א דערלויבניש אויף אפצופאהרען קיין אויסלאנד.

אונזערע חשוב'ע ה"ה שעף'ס, געברידער אבע הערש, אליעזר און אהרן דודביימאן און פאמיליע צוליב'ן טויט פון זייער אומפערגעסליכען

# פאטער נ"ע

דריקען מיר אויס אונזער אויפריכטיגען מיטגעפיהל.
זייט געטרייסט מיט המקום [illegible] אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
דאס פערסאנאל און די מייסטערס פון דער פירמע „מ. ביימאן" לאדז.

# פיניעלע מזיק
## גיט לשון



צי, כ'בין שוין ווידער דו. קריק אין מאַן מולן געסל. כ'זוג ענק, יאַט'ן, אַז כ'בין גיקימע רעדאָגאָש אין גיזעיען די קאָמיניס, אָב איעך עסגישריגן: לעיבן זאָל, זאָל באַליט! לעיבן זאָל אן שמולער געסל! ס'איז ... קיש ראכטיג ווי אַן בובע זוגט: „אימעטים איז גיט אין אין שמולן עסל איז נאָך בעסער".

נאָר וואָעס קימט אַראָעס פֿין דעים אַלעם, ז איעך אָב גיסיידער נאַגמיס נעיפ'ש. ווי נאָר איעך ין גיקימע אַהיים אָב איעך שוין גיגאַט נאַג-יס נעיפ'ש. צ'ווייסט פֿין וואָעס? פֿין דעים פענ-אַצקע ידל ... ריצרועל מיט היצלער'ס מאַנ-אַל.

צאָט טאַקיש ניש גיהעיערט פֿין דעיר מאַנסע יט דעים מאַנדאַל? עב איעך ענק פֿאַציילן.

עפעס א פענטאַצקע ידעל איז ריצרועל אָט יקריגן א מאַנדאַל מיט אַ קאַקנקרייץ פֿון היצלערן ליינט. אָט דעיער פענטאַק ציגינימע דעים מענ-ראַל מיטן קאַקנקרייץ אין גיזוגט אַ שיינעם דאַנק.

ני, וואָעס זוגט עך צי דעים פענטאַק? צ'העירט ועז איעך בין אין ריצרועל אין פאַק דעים מי-יוול אין אַנ'אינטערגאַס, וואָלט איעך פֿון עים ימאַכט קרעפל-פליש.

ווען איעך וואָלט גיקריגן אַזאַ מאנדאל, וואָלט איעך דעים סויכער אַריינגיליגט אין אַ קאַנע-וערט אין וואָלט עים קריק געשיקט קאַ בלין צי היצלערן אין וואָלט ציגעשריבט אַזוי:

גרויסער פוריץ בקאַק בלין!

אַ דאַנק פֿאַר דאַן קאקנקרייץ. פרעס דיעך אוען מיט דאַן מיטונע אין זיי אַ גיפורע פֿאַר קאָל יסרועל. פֿאַר מיער אין פֿאַר גאַנץ באַליט — אַזוי וואָלט איעך פיניעלע, גיענטפערט. וואָלט איעך גיט גיטיען?

יעך, יאַטן, אַז איעך בין שוין קריק דו אין באַליט, עלן מיר זעך נעמען אָנגיביזירן די וואַלן צין סיים. צווייסט כאָדושביג, וואָעס מע בעדאַרף יעך צי טיען? קוידים קאל מיז מע אָנ-גיביזירן אַ וואַל-קלעגיום פֿאַר אינדזער באַליטער קרייך (געמיינט: קרייז), צי דעיעם קרייך אָב איעך שוין אנמילירט (געמיינט: נאָמינירט) 25 כי-וויירים פֿין אינדזערע יאַטן. די כיווירים פֿין וואַל-קלעגיום עלן שפעיטער אַראָעסשטעלן אַנ'אייגינים קונ-דידאַט צין סיים. יעך עלן מיער דעים שאַביס נאָכן טשולנט האָבן אַ פֿזאַמליג אָפֿן באַליטער פלאַך. איעך אַליין, על האלטן אַ ריידע אין על די ווילקער שמאַל-באַכער נעיבן אין טאַטנס טאַטן אַראַן. כ'על זיי פֿאַציילן מאַנסעס עלן זיי די שליפ'עס איבערגיין.

אַ קלאל יאַטן אין יאַטיכעס פֿון ( גאַנץ באַליט אין פֿין שמולן געסל מיזן קימע מאָרגן, שאַביס אפֿ באַליטער מאַרק — סעט זאַן היימ-ליך!

דערוואַל אָצך מיער אַ ביטן שאַביס (אין זאַצך מיר גיזינד,

---

גראַף קאַלי.

# וואר־קל־אנגעז

גאָטעניו, גיב טהוי און רעגען:
— בעט דער פויער פאַר זיין פעלד.
אַנדערש אָבער קלינגט די תפילה
פון איטאַליענס גרעסטען „העלד".

גאָטעניו, נעהם צו דעם רעגען:
בעט דער דוטשע מוסאָליני
ווייל מיר דאַרפען איצט פערזייען
אויף די בערג פון אַביסיניע...

נישט מיט תבואה, נישט מיט גערשטען
קיינעם קען עס איצט נישט זעטען
אונזער זריעה, אונזער זאָמען,
וועט זיין ביינער פון סקעלעטען...

ס'וועט די טאַנק זיין אונזער קאָסע,
וועלכע שימערט גלענצט און גליהט
ס'וועט די גאַנצע וועלט דערפיהלען
אונזער וואונדערבאַרען שניט...

אין דעם לאַנד פון קאַניבאַלען
אין דעם לאַנד פון מענשען-שקלאַפען
געהען מיר מיט בלוט און פייער
דאָרטען די „קולטורא" שאַפען...

---

אוי רעדוקציעס, אוי רעדוקציעס,
ווערען איבעראַל געמאַכט

אין פאַבריקען אין די ביוראָ'ס
רעדוצירט מען נישט געטראַכט.

אויך פאַרטייען רעדוצירען
די פראָגראַמען אַלערליי
די קהלה — די סובסידיעס
רעדוצירט — אַז אָך און וועה!...

אויך פון האַקען-קרייץ דער פיהרער
ביי די דייטשען וואָס רעגירט
האָט זיין מעכטיגע ממשלה
אויך אַביסעל רעדוצירט...

האָט געזאָגט אַמאָל נביאות:
הערט, רבותי, דאָס איז קלאָר,
אַז דער „האַקען-קרייץ" רעגירען
וועט דאָך גאַנצע טויזענד יאָהר...

איצט האָט ער אין אַ רעדע
פראָפעצייעט הויך און קלאָר:
אַז דער האַקען-קרייץ רעגירען
וועט געוויס פינף הונדערט יאָהר...

וואָס-זשע זאָגט אויף דעם גראַף קאַלי?
יאָ, ער שמייכעלט פול מיט שפּאָט,
און ער טראַכט זיך: גרויסער פיהרער
— זיי זיך מודה, ביזט באַנקראָט!...

---

# פייטעל און טרייטעל



פייטעל: האָסט געהערט, טרייטעל, אַז דער גביר לאָקש איז געשטאָרבען? ווייסטו נישט, וואָס זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען?

טרייטעל: ער האָט קיין איין וואָרט נישט גערעדט. זיין ווייב איז איהם געשטאַנען צו-קאָפּענס.

# אין דער שולע

לעהרער: מאָריץ, אַז אַ סוחר האָט באַ דיין טאַטעשי געקויפט אַ שטיקעל ווייסע לייווענד, וויפיל חדשים וועט אין זיין געשעפט דויערען דער „ביאַלי טידושען", ביז ער וועט דאָס שטיקעל לייווענד פערקויפען?

---

# דער ענדעק כאַפּט אַנ'אַפּשניט

אין צוג שטייגט איין אַנ'עלטערער קריסט מיט אַנ'„אָרענדאָווניק" אין האַנד, און ווי נאָר ער שטעקט אַריין אַ פוס, נעהמט ער זיך גלייך טשעפען צו יודען.

ער ווענדעט זיך צו אַ יודישען פּאַסאַזשיר אין ברילען:

— איהר קוקט דורך אייערע ברילען, כדי איהר זאָלט זעהען טאָפּעלט צו גנב'ענען.

— אַזוי? — זאָגט דער יוד — און נאָכוואָס טראָגט איהר אייערע ברילען?

— כ'זאָל זעהען.

— און וואָס זעהט איהר?

נעהמט דער ענדעק, שטעלט אָן דעם בליק דורך די ברילען אויפ'ן יוד און זאָגט:

— אַ מאַלפּע זעה איך.

ווערט אָבער דער יוד נישט נתפעל און דער-לאַנגט אַ שאָס צוריק:

— אוואַ, איך האָב נישט געוואוסט, אַז אין אייערע ברילען געפינט זיך אַ שפּיגעלע...

# גראַף קאַלי ווערט בעוואַכט

בעקומענדיג די ידיעה, אַז אין פּעקין האָבען רויבער פערכאַפּט אַנ'ענגלישען דיכטער און פאָר-דערן 100 טויזענד דאָלאַר אויסליי-געלד, האָט דער „קונדס" בעשטימט אַ שטאַרקע שמירה אויפ'ן גראַף קאַלי, מ'זאָל איהם חס ושלום נישט אַנ... בעניעלע זאָלן ... נבי'ענען.

---

# דער קונדס

הומאר ●

סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאלקסבלאַט" נומער 191

פרייטאג, דעם 16 אויגוסט 1935




די שאַנסען פון די יודישע קאנדידאטן...

